א גוטן טאג

מיר ווען אנהייבן מיט ארויסברענגן אז די לעצטיגע פאסירונגען אין צומענהאנג מיט די קאראנע ווירוס, און די נאכווייען דערפון, זענען אפמאטערנד פאר אלע איינוואוינער, אונזערע ווילעדזש איינגעשטעלטע, אונזער פאליציי, פייער, און אמבולאנס אפטיילונגען. אונזער ערשטע בעפארצוג איז איבער די איינוואוינער פון אונזער ווילעדזש, און דעריבער, טוען מיר נאכגיין די פארשלאגען און פראטאקאלען וויאזוי זיך אומצוגיין אויפן בעסטן פארנעם אין דעם איצטיגן מצב איבער אונזערע איינוואוינערס געזונט, וואוילזיין, און זיכערהייט. מיר בעטן אלע אונזערע אייואוינער צו אויספאלגען די זעלבסט-אויספירענדע פראטאקאלען אזוי צו פארמינערן צו זיין אויסגעשטעלט צו דעם ווירוס, און זיך אויסלערנען נאך עטליכע פארמיידונגס פארשלאגען, דורך באזוכן:

- [www.cdc.gov](www.cdc.gov)
- New York State Department of Health
- Orange County Department of Health
- Village of Monroe מען קען אנרופן די ווילעדזש האל ביי: 845-782-8341

ביטע געדענקט צו:

- אפט אפצוואשען אייערע הענט נאך וואס מען איז געווען צווישן מענטשן.
- נוצען האנט SANITIZER ווען מעגליך, עס זאל האבען צום ווייניגסטן 60 פראצענט אלקאהאל.
- פארמיידן פון אנרירן אייערע אויגען, נאז, און מויל מיט אומגעוואשענע הענט.
- פארמיידן פון קומען אין בארירונג אדער זיין נאנט צו מענטשן וועס שפירן נישט גוט.
- פארדעקן אייער מויל אדער נאז ווען איר הוסט אדער סניזט.
- אנטוהן א מאסקע אויב שפירט איר נישט גוט.
- בלייבען אינדערהיים אויב שפירט איר נישט גוט, אויסער ווען איר דארפט גיין צו א דאקטאר אדער שפיטאל.

מיר בעטן פון די פאבליקום מיטצוארבעטן מיט די געזונטהייט אגענטורן, אונזערע וואלונטיר פייער און אמבולאנס אפטיילונגן, אונזער פאליציי אפטיילונג, און ווילעדזש ארבעטערס ביי די איצטיגע דורכגאנג. דאס וועט זיי ערלויבן צו מיטיילען אינפארמעישאן מיט אייך און נוצען פארזיכטיגע מיטלען אויף די מערסט פארזיכערטע פארנעם. מיר וועלן פארזעצן מיטטיילן אינפארמאציע צו די פאבליק ווי נאר מיר וועלן עס באקומען.

און צוגאב, וויל איך מוטיגן אלע אונזערע איינוואוינער צו אנטיילנעמן מיט מיר און מיינע איינגעשטעלטע און ארויסקומען שטיצען אונזערע לאקאלע געשעפטן אין די איצטיגע שווערע עקאנאמישע צייט, וואס טוט זיי זייער שוואר באטרעפן, און די נאכפאלגען דערפון איז שווער פאר די גאנצע קאמיוניטי. אפשר קענט איר איצט קויפן א גיפט סערטיפיקאט וואס איר קענט נוצען א אנדערס מאל אין א רעסטאראנט, אדער אין סיי וועלכע אנדערע געשעפט. איך, צוזאמען מיט מיינע איינגעשטעלטע, זענען אין די לעצטע פאר טעג ארומגעגאנגען צווישן די געשעפטן, און אנגעטראגען אונזער שטיצע און פארשלאגען אויף סיי וועלכע פראבלעמען עס קען זיי אונטערקומען.

אויך בעט איך אז מיר זאלען אלע אינאכט נעמען די אויסערגעוועגליכע דרוק וואס די אומשטענדן לייגען ארויף אויף אונזערע סופערמארקעטס און אנדערע געשעפטן. ביטע האט אויך אינזין אייערע שכנים און אנדערע איינקויפער ווען איר קויפט איין, ווייל עס איז דא א מאנגל אויף געוועגליכע פראדוקטן, און די געשעפטן האבען שוועריגקייטן אנצוהאלטן די צווישנשייד פון די געשעפט און די ווערעהאוז.

מיר אלע, אלס א קאמיוניטי האמיר אלעמאל געצייגט, איינמאל און נאכאמאל, דורך זייער שווערע צייטן, גוטהארציגקייט, חסד און אז מיר קימערן זיך איבער דעם מצב פון אנדערע. לאמיר נאכאמאל צייגען א שיינע ביישפיל ווער מיר זענען.

Very truly yours,

Neil S. Dwyer

Mayor, Village of Monroe